CITY OF NEW YORK
OATH
OFFICE OF ADMINISTRATIVE TRIALS AND HEARINGS
Special Education Hearings Division
66 John Street, 11th Floor
New York, NY 10038
Tel: (212) 436-0821
Email: sehd@oath.nyc.gov

# דאקומענט סובפינע

אין נאמען פון דעם פאלק פון דער סטעיט אוו ניו יארק:

צו:

______________________________________

______________________________________

______________________________________

______________________________________

בנוגע:

נאמען פון סטודענט ______________________________________

נומער קעיס: ______________________________________

סטודענט געבורטסטאג ______________________________________

NYC ID/OSIS ______________________________________

איר ווערט דערמיט באפוילן אז אויף אדער פארן ענדע פון ביזנעס טאג ________________ וועט איר ליווערן די פאלגנדע דאקומענטן צו דעם אינדיוויד אויסגערעכנט אונטן:

ליוועדט צו:

| | |
|---|---|
| נאמען | ______________________ |
| ביזנעס, אדוואקאט פירמע, ארגאניזאציע, א.א.וו. | ______________________ |
| אדרעס שורה 1 | ______________________ |
| אדרעס שורה 2 | ______________________ |
| אימעיל אדרעס | ______________________ |
| טעלעפאן נומער | ______________________ |
| פאקס נומער | ______________________ |

פאר פארפעלן צו צושטעלן, וועט איר ווערן גערעכנט שולדיג פון א געזעץ-ברעכונג פון די רעגולאציעס פון דעם קאמיסיאנער פון עדיוקעישן אוו ניו יארק, און ווערן אויסגעשטעלט פאר זייטיגע קנסות

אויב איר האט פראגעס אדער זארגן וועגן דער סובפינע, ביטע קודם פארבינדט אייך מיט דער מענטש וואס האט אייך געשיקט די סובפינע. אויב איר קענט נישט לייזן אייער פראגעס אדער זארגן מיטן מענטש וואס האט אייך געשיקט די סובפינע, ביטע פארבינדט אייך מיטן אביעקטיווער אויסהער אפיציר אויסגערעכנט אונטן

| | | | |
|---|---|---|---|
| אונטערשריפט פון פארלאנגער | ______________ | אונטערשריפט פון IHO | ______________ |
| נאמען | ______________ | נאמען פון IHO | ______________ |
| דאטום | ______________ | דאטום | ______________ |

## **<u>אינסטרוקציעס</u>**

א "דאקומענט סובפינע" (ארויסגערעדט סאָ-פּי-נאָ) איז א באפעל פון דעם אביעקטיווער אויסהער אפיציר וואס פארלאנגט א מענטש אדער ארגאניזאציע אייך געבן דאקומענטן. איר האט דאס רעכט צו פארלאנגען דאקומענטן וואס האבן א שייכות מיט אייער קעיס. נאכדעם וואס איר פארלאנגט, קען דער צווייטער צד זיך קעגנשטעלן, אדער דער אביעקטיווער אויסהער אפיציר (IHO) קען באגרעניצן די דאקומענטן וואס דער צווייטער צד דארף צושטעלן. דער אפטייל גיט צו פארשטיין ווי אזוי אויסצופילן OATH'ס "דאקומענט סובפינע" פארם

### **"צו" אפטייל**

אויף דער ערשטער שורה, פילט אויס דעם נאמען, סקול, אדער ארגאניזאציע פון וועמען איר ווילט באקומען די דאקומענטן. פילט אויס זייער פאסט אדרעס, אימעיל אדרעס, טעלעפאן נומער, און אנדערע קאנטאקט אינפארמאציע אויף די אנדערע שורות

### **"בנוגע" אפטייל**

אויף דער ערשטער שורה, פילט אויס דער נאמען פונעם סטודענט. אויף דער צווייטער שורה, פילט אויס אייער קעיס נומער. אויף דער דריטער שורה, פילט אויס דעם סטודענטס געבורטסטאג. אויף דער פערטער שורה, פילט אויס דעם סטודענטס ID נומער (ווערט אויך אנגערופן OSIS נומער אדער NYC ID נומער)

### **"איר זענט דערמיט באפוילן" אפטייל**

אין דעם אפטייל, וועט איר אויסקלויבן א טערמין ביז ווען דער אנדערע צד מוז אריינשיקן די דאקומענטן. אויף דער ערשטער שורה, קליקט אויפן ליידיגן ארט נאך "ענדע פון ביזנעס טאג אויף". אן אראפ פיילעכל וועט זיך באווייזן. קליקט אויפן אראפ פיילעכל און א לוח וועט זיך באווייזן. קלויבט אויס א דאטום וואס גיט דעם מענטש, סקול אדער אנדערע ענטיטעט גענוג צייט צונויפשטעלן די דאקומענטן און זיי שיקן צו אייך. מאכט זיכער אז דער דאטום וואס איר קלויבט אויס גיט אייך גענוג צייט צו באקומען די דאקומענטן און זיי איבערקוקן איידער דעם אויסהער.

### **אויספיל קעסטל**

קוקט פארן קעסטל אונטער דער "איר זענט דערמיט באפוילן" אפטייל. אין דעם קעסטל, רעכנט אויס די דאקומענטן וואס איר פארלאנגט. קליקט אינעווייניג אינעם קעסטל און הייבט אן שרייבן. מאכט זיכער איר זאלט אידענטיפיצירן די דאקומענטן און אדער דער דאטום פון דער דאקומענט אדער אן אומגעפערע צייט. צום ביישפיל, איר קענט פארלאנגען דעם "5/26/2022IEP", אלע IEP'ס באשאפן פון פעברואר ביז מאי 2022," אדער "אלע אפשאצונגען וואס זענען פארגעקומען נאך ינואר 2021."

### **"ליווערן צו" אפטייל**

דער אפטייל זאגט פאר דעם מענטש וואס שיקט אייך די דאקומענטן וואו דאס צו שיקן. פילט אויס אייער אייגענע אינפארמאציע, ווי אויך אייער נאמען און ארגאניזאציע (אויב שייך). זייט כולל וואס מער קאנטאקט אינפארמאציע מעגליך: פאסט אדרעס, אימעיל אדרעס, טעלעפאן נומער, און פאקס נומער

### **אונטערשריפט אפטייל**

שרייבט אונטער אייער נאמען אויף דער שורה פון דער חתימה. צו נוצן א "דיגיטאלע אונטערשריפט" קליקט אויף דער רויטער טאבעלירער לעבן דעם "אונטערשריפט פון פארלאנגער" און פאלגט נאך די שריט. אויב איר ווילט, קענט איר ארויסדרוקן דעם דאקומענט און עס אונטערשרייבן מיט א פעדער. דרוקט אדער שרייבט אייער נאמען קלאר אויף דער שורה ווי עס שטייט "נאמען". אויף דער שורה ווי עס שטייט "דאטום" דרוקט אדער שרייבט דעם דאטום פון דעם טאג וואס איר פילט אויס דעם פארם.

### **שיקט די סובפינע צום אביעקטיווער אויסהער אפיציר און דעם אנדערן צד**

אימעילט (אדער מיט דער פאסט) די סובפינע צום IHO וואס איז באשטימט צו אייער קעיס און צום רעפרעזעטעטיוו אדער אדוואקאט אויף דער אנדערער זייט פון דער קעיס. דער IHO וועט איבערקוקן דעם סובפינע, אויסגעפונען אויב ס'איז דא עפעס דערקעגן פון דער אנדערער זייט, און באשטעטיגן צו ער זאל מסכים זיין, אפזאגן אדער ענדערן אייער סובפינע. אויב דער IHO באשטעטיגט אייער סופענע, וועט דער IHO אייך צוריקשיקן אן אונטערגעשריבענע קאפיע.

**סערווירן די סופבינע**

נאכדעם וואס דער IHO שרייבט אונטער אייער סובפינע, מוזט איר "סערווירן" די סובפינע אויף דעם מענטש/ארגאניזאציע וואס האלט די דאקומענטן. איר קענט דאס טון דורך דער פאסט, אימעיל, אדער פערזענלעך.

אויב איר זענט איינע פון די עלטערן וואס פארלאנגען די דאקומענטן פון דער DOE, קענט איר שיקן דער סובפינע צום DOE אדוואקאט אדער רעפרעזענטעטיוו צוגעטיילט צו אייער קעיס און זיי בעטן צו סערווירן (שיקן) די סובפינע. אויב איר זענט א DOE רעפרעזענטעטיוו וואס בעט די דאקומענטן פון די עלטערן, קענט איר שיקן דער סובפינע צו די עלטערנס אדוואקאט און אים בעטן סערווירן די סובפינע

SEHD_Document-Subpoena-071522-YI-ada